# אַ יידישע קרוין

ווען מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר,
האָט ער אָנגעטאָן די עלטער
ווי אַ יידישע קרוין.
ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער הייליקער עדה,
און מיט צערטלעכער טאַטעשקייט
געוואָרן מיין זיידע.
איבערנאַכט בין איך זיין אייניקל געוואָרן.
מיר האָבן דערפוןביידע געוואונען און גאָרנישט פאַרלאָרן.
מיר האָבן ביידע געזונגען אַ ירושהדיק ליד,
מיט שמחה איז מיין טאַטע געוואָרן
אַן אַלטער ייד.
און זיין טלית און תפילין און קיטל,
זיין שיטערע באָרד און גלותדיק היטל,
די ממעמקימדיקע קרעכצן,
אפילו ווען ער האָט טועם געווען דער מאַמעס געקעכצן,
זיין מעביר זיין די סדרה מיטן טראָפּ,
זיינען געוואָרן דער פרומער בוים,
וואָס האָט זיך צעבליט אין מיין קאָפּ.
ר׳איז געוואָרן אַלט, מיין טאַטע,
מיט אַ פאַרצייטיקער יונגשאַפט —
אַן אַלטקייט וואָס קאַרגט נישט און רעכנט נישט די יאָר,
וואָס איז באַשיצט קעגן טויט
און פאַרפאַנצערט אַקעגן מורא,
מיט טויזנטער מאָרגנס פון עבודת הבורא.
זיין אמונה איז געווען לאַנד,

ערד אונטער די פיס —
ארץ ישראל,
מיטביימער און הימל,
מיט באַרג און מיט טאָל.
מיט פעלדער און וועלדער,
וועסערלעך מחיהדיקע,
קוואַלן און ברונעמס.
זיין אמונה האָט באַגראָזט די יידנגאַס.
נישט קיין קליידער-סוחר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף,
נאָר אַ פּאַסטעך צו פּאַשען זיינע רינדער און שאָף.
ס'זיינען אויפגעגאַנגען זונען איבער זיין שטיקעל וועלט,
ווען ער איז אַרויס אין טלית פון געצעלט,
און געאַקערט און געזייט די יידישע ערד.
די בייטן האָבן מאָרגנדיק געגרינט,
אפילו ווען ער האָט בדוחק אויף חיונה פאַרדינט.

צו מיינע זיבן און פערציק יאָר קען איך קוים זיין אַ טאַטע.
כ'בין ביי דער מורא פאַר דער עלטער געפאַנגען.
מיט דיר, טאַטע, איז די גאַנצע
יידישע זיידעשאַפט פאַרגאַנגען.
טאָג-איין-טאָג-אויס קום איך די מיאוסע וועלט פאַרשעמען
מיט מיינע יידישע פּראָבלעמען.
די וועלט ווערט נעבעך רויט און פאַלט ביי זיך אַרונטער,
און איך האַלט זיך קוים אויף די פיס
און גיי אונטער.
כ'באַקלאָג און באַוויין דיך, טאַטע,
און דו לעבסט אין מיר.
כ'קוש די טריט פון מיין בענקשאַפט נאָך דיר.